# וויג-ליד פֿון אַ יידיש קינד אין דייטשלאַנד

.1

שלאָף, מיין קינד, - די זון איז געפֿאַלן
און זיך זייער צעוואונדיקט, נאָר ס׳איז נישט פֿאַרפֿאַלן.

שלאָף, מיין קינד, דער פֿאַרנאַכט איז שוין ווייט,
ס׳איז שפּעט, כאָטש ס׳איז נאָך נישט אונדזער צייט.

זע, דער טאָג בייגט זיך איין אַ פֿאַרשעמטער און רויט,
דו ווייסט נאָך נישט, קינד, פֿון חרפּה און טויט.

אַזויפֿיל טעג שטייען פֿאַר דיר נאָך אָפֿן,
דיין מאַמע מוז וואַך זיין, דו, קינד, זאָלסט שלאָפֿן.

.2

שלאָף, מיין קינד, עס שטייען שוין שטערן,
קיינער ווייסט היינט נישט, וואָס מיט אים וועט נאָך ווערן.

סיי דער, וואָס ווייטיקט, און סיי דער, וואָס לאַכט,
מיר וואַקסן אַלע אַריין, ווי אַ בוים אין דער נאַכט.

נאָר אויך שוואַרצער בוים קאָן פֿרוכט געבן שיינע:
זאָל מיר זיין, קינד, פֿאַר דיינע הענטעלעך קליינע.

דיינע הענט וועלן די זינדער אַמאָל אָפּצאָלן די שטראָף.
דערווייל שלאָף, מיין טייערס, מיין קינדעלע, שלאָף!

.3

שלאָף, מיין קינד, ס׳איז ווייך נאָך דיין בעט...
מאַכט די אייגעלעך צו, נישט הער וואָס איך רעד...

וואָס קאָן דיר דען נוצן אַ בלינדער געדאַנק,
וואָס גייט, און ציטערט פֿאַר זיין אייגענעם גאַנג?

וואוהין וועלן דערגיין די נישט שווייגנדע נעכט !
אַמאָל וועט אַן אַנדערער שעלטן – דו וועסט זיין גערעכט.

גוטער מענטש, נאַכט און שטערן וועלן גלאַנצן אינאיינעם,
נאָר איצט שלאָף און הער נישט, ווי דיין מאַמע וועט וויינען.

4.

שלאָפֿסט שוין, מיין קינד, מיין הייליק קינד,
אַ שיף כאַפּט די לבנה און שווימט און שווימט,

ביז זי דערגרייכט צו אַ הויכן וואַלד.
דאָרט וואַקסן ביימער יאָרהונדערטער אַלט.

צוזאַם מיט די וואָרצלען קריכן אַרויס פֿון דער טיף
געוועזענע דורות און נעמען איבער די בריוו.

זילבערנע בריוו, וואָס לבנה האָט געבראַכט,
און שרײַבן אַן ענטפֿער אויף בלוי פֿון דער נאַכט.

ערשט שווימט די שיף צו אונדזער פֿענצטער צוריק:
איז דיין פּנים אין שלאָף צעשמייכלט פֿון גליק.

און נישט דו און נישט איך, מיר זיינען שוין נישט אַליין.
שלאָף, מיין קינד, – אַזאַ חלום איז שיין.

-----------------------------------------------------

וואַרשע, 28סטן יולי, **1939**